**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול נאמינירט דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד צו דינען אלץ קאמישאנער פון די העלט דעפּארטמענט**

***גאווערנער נאמינירט טרעניטרער קינדער דאקטאר מיט צענדליגע יארן פון ערפארונג אין די תחום פון פובליק געזונטהייט אין ניו יארק, ראָוד איילענד און אין די נאוואכאָו שבט פראווינץ***

***דר. מעקדאנעלד דינט יעצט אלץ דער צייטווייליגער קאמישאנער פון די העלט דעפּארטמענט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די נאמינאציע פון דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד MD, MPH צו דינען אלץ קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט. דר. מעקדאנעלד איז אן ערפארענער פובליק געזונטהייט פראפעסיאנאל וועלכער האט געדינט אלץ ניו יארק'ס צייטווייליגער קאמישאנער פון די העלט דעפּארטמענט זינט יאנואר 1.

"שטייענדיג אין פרעצעדענטלאזע פובליק געזונטהייט קריזיסער, האט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט געטוהן אן אויסערגעווענטליכע ארבעט צו האלטן ניו יארקער זיכער און געזונט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד איז א טאלאנטפולער פובליק געזונטהייט פירער מיט די פעאיגקייטן און ערפארונג וועלכע זענען נויטיג צו פירן אונזער העלט דעפּארטמענט. איך בין שטאלץ אים צו נאמינירן פאר די קריטישע ראלע, און איך קוק ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט אים צו באשיצן די געזונטהייט פון אלע ניו יארקער."

"דינען אלץ קאמישאנער פון די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט איז א כבוד וואס קומט איינמאל אין לעבן", **האט דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פון טיפן הארצן פאר גאווערנער האקול פאר איר צוטרוי אין מיר, און איך קוק ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט מיינע קאלעגן אין די העלט דעפּארטמענט צו פארזעצן צו ברענגען רעזולטאטן פאר ניו יארקער."

דר. דזשעימס וו. מעקדאנעלד איז א געבוירענער ניו יארקער וואס קומט אריגינעל פון קאהאָוס, און ער האט באקומען זיין בעטשעלאר'ס דעגרי פון סיענא קאלעדזש. ער האט זיך אנגעשלאסן אין די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט אין יולי פון 2022, דינענדיג אלץ מעדיצינישער דירעקטאר פון די דעפּארטמענט'ס אפיס אָוו פובליק העלט. ער איז שפעטער באשטימט געווארן אלץ צייטווייליגער דירעקטאר פון די צענטער פאר קאמיוניטי געזונטהייט (the Center for Community Health), און ער האט אנגעהויבן דינען אלץ קאמישאנער פון די העלט דעפּארטמענט אין יאנואר 1 היי יאר.

בעפארן זיך אומקערן קיין ניו יארק, האט דר. מעקדאנעלד פארברענגט צען יאר ביי די ראוד איילענד העלט דעפּארטמענט וואו ער האט געדינט אויף מערערע ראלעס, אריינרעכענענדיג צייטווייליגער דירעקטאר אָוו העלט, טשיף אדמיניסטרעיטיוו אפיסער פון די באורד פון מעדיצינישע לייסענסירונג און דיסציפלין (Board of Medical Licensure and Discipline), מעדיצינישער דירעקטאר פון די קאוויד

אפטיילונג, און אזוי אויך אלץ דער מעדיצינישער דירעקטאר פון די צענטער פאר קאסטומער סערוויס און פון דעם דראג אָווערדאָוז פארמיידונג פראגראם. ער איז אויך געווען א מיטגליד פון די גאווערנער'ס איינהייט צו פארמיידן אָווערדאָוז טויטפעלער. דר. מעקדאנעלד איז אויך א מיטגליד אין די לערערשאפט פון די בראַון סקול פון פובליק געזונטהייט און אזוי אויך ביי די ווארען אלפערט מעדיקעל סקול פון בראון אוניווערסיטעט.

דר. מעקדאנעלד האט באקומען זיין MD דעגרי פון די לאיאָולע סטריטש מעדיקעל סקול אין שיקאגאו, ער איז אריבער זיין רעזידענסי אין קינדער מעדיצין אין די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און זיין פארמיידונג מעדיצין רעזידענסי ביי די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק. ער האט באקומען זיין MPH דעגרי פון די נארט קעראליינע אוניווערסיטעט אין טשעפעל היל און זיין B.S. דעגרי אין ביאלאגיע פון סיענא קאלעדזש. דר. מעקדאנעלד איז באורד-סערטיפייד אין קינדער מעדיצין און אזוי אויך אין פארמיידונג מעדיצין.

זיין פארשידנארטיגע קאריערע רעכנט אריין דאס זיין אן אפיציר אין די פאראייניגטע שטאטן נעיווי און אזוי אויך האבנדיג פריוואטע קליניקס אין שטעטלישע געגנטער מיט א מאנגל אין העלט קעיר. דר. מעקדאנעלד האט אויך געדינט אין די אינדיאיאנער העלט סערוויס אין די נאוואכאָו שבט פראווינץ, דינענדיג אלץ מעדיקעל דירעקטאר פון אַוטפּעישענט מעדיצין אין טשינלי, אריזאנע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן